NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13166

KRASIN TSVISHN AYZ

E. M. Mindlin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

עמ. מינדלינ

קראסינ

צווישנ

אייזנ



1931 צענטרפארלאג

18/10227

10/10997

פּריוואַטע ביבליאָטעק
משה אדאנער
ניו-יאָרק

קראַסין

צווישן אייז

דערציילט פאר קליינוואַרג דער אָפּ-
מיילנעמער פונעם „ק ר אַ ס י ן"-רייס
עמ. מינדלין

צענטראַלע ייִדישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו

צ ע נ ט ר פ אַ ר ל אַ ג
מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק
1 9 3 1

Уполн. Главлита В 1525. Заказ № 1440 Тираж 5000

Книжная ф-ка Центриздата Народов СССР. Москва,
Шлюзовая набережная, 10.

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו



אפנ ווײַטנ צאָפנ
איז שטענדיק ווינטער.

אי די בערג, אי דער יאַם, אי די ערד — אלצ איז באדעקט מיט אײַז.

גוט איז דעם ווײַסנ בער! ער שרעקט זיכ ניט פאר די ברע-בענדיקע פרעסט: א פוטער האָט ער א ווארעמנ.

אינ אזא פוטער קענ מענ גאנצ רויִק ארומשפאצירנ אי-בער די אײַז-פעלדער.

פיל מענטשן האָבן זיך געלאָזט פאָרן אינעם לאנד פון אייביקן אײַז. זיי האָבן געפרווט אפ שיפן דערפאָרן. נאָר אפן יאם פלעגן זיי גרויסע שווימענדיקע אײַז-בערג באגעגענען, די אײַז-בערג האָבן זיי ניט געלאָזט ניט אהער, ניט אהין — פלעגן אָפט די שיפן ווי א נוס-שאָלעכץ צעקוועטשן.

האָבן מענטשן זיך אויסגעלערנט בויען פלי-מאשינעס —

אעראָפלאנען

און

דיריזשאבלען. ———



א דיריזשאבל איז א גרויסע לופט-שיפ.

אפ א דיריזשאבל האָבנ מענטשנ באשלאָסנ פליענ אינעם לאנד פונ אייביקנ שניי. ס'האָט זיך זיי פארגלוסט דערקלייבנ זיך צום וויַטסטנ אָרט—

צו דעם צאָפנדיקנ פאָליוס.

דער שעפ פונעם דיריזשאבל איז געווענ אנ איטאליענער, אונ גערופנ האָט מענ אים נאָבילע.

מע האָט צוגעגרייט א לופט-שיפ, איַנגעאָרדנט א ראדיאָ, מיטגענומענ וואַרעמע פוטערס אונ עסנווארג, אופגעהויבנ די פאָנענ, אָנגעדרייט די מאשינעס, אונ דער דיריזשאבל האָט זיך געלאָזט פליענ.

געהייסנ האָט די לופט-שיפ „איטאליע“.

פליט דער דיריזשאבל.

מע איז שוינ פיל שטעט דורכגעפלויגנ, מע זעט שוינ קיינ גרינע פעלדער ניט פונונטנ. מע פליט אלצ ווײַטער אפ צאָפנ. עס ווערט קעלטער פונ שאָ צו שאָ.

אָט-אָט וועלנ די מענטשנ פונ שיפ דערזענ דאָס לאנד פונ אייביקנ שניי.

שווימט שוינ איבערנ יאמ א שטיקל אײַז: שווימט אונ צעגייט ניט, דערנאָכ באווײַזט זיכ א צווייט אונ א דריט. אלצ מער אונ מער אײַז שווימט שוינ אפנ יאמ — **אָט רוקנ זיכ שוינ אײַז-פעלדער אונ בערג.** איינס גרעסער פונ אנדערנ אונ שרעקלעכער...

די מעגנטשנ האָבּנ זיכ אינ פּוטערס איַינגעהילט — בּלויז די נעזער פּטארטשענ.

אונ דער פּראָסט ווערט אלצ שטארקער.

די לופּט-שיפּ האָט זיכ מיט אנ איַיז-קאָרע באדעקט: ארומגעפּראָרנ געוואָרנ.

מיטאמאָל איז פּינצטער געוואָרנ. ס׳האָט זיכ אופּגעהויבּנ א שטארקער, בּייזער ווינט.

— א שטורעמ הייבּט זיכ אָנ, —

האָט געזאָגט דער שעפּ נאָבּילע.

ער האָט דאָס לעצטע מאָל א יעדיִע געשיקט דורכנ ראדיאָ, אז

דער דיריזשאבּל איז אינ א שטורעמ.

פּונ דענסטמאָל אָנ האָט מענ קיינ איינ יעדיִע פּונעמ דיריזשאבּל ניט געהאט.



ווּ איז ער?

וואָס איז מיט אים געשען?

קיינער ווייסט ניט!

עס שוויַיגט דער ראַדיאָ.

אין די צײַטונגען האָט מען געשריבן, אז דער דיריזשאבל איז פאר-לאָרן געגאנגען, פארפאלן געוואָרן נאָבילע מיט זייַנע מיטפאָרער.

ס'איז אריבער א טאָג, צוויי, **דריַי** — קיין איין ידיעה.

ס'זײַנען אדורך צוויי וואָכן — קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס האָט מיטן דיריזשאבל פאסירט.

מע מוז די מענטשן ראטעווען, דעם דיריזשאבל זוכן. **נאָר ווער** וועט זיך לאָזן אין לאנד פון בייזן ווינטער, אין לאנד פון אייביקן שניי? **וועלכע שיף** וועט זיך קענען דורכשלאָגן דורך דעם שטארקן אייַז?

ס'האָט זיך געפונען אזא שיף!

7 זי שרעקט זיכ ניט פאר גרויסע אײַז-קרײַעס.

די שיפ איז אנ **אײַז-ברעכער.** די אײַז-ברעכערס טרעטנ דרײסט איבער די אײַז-פעלדער, ברעקלענ זײ אפ שטיקלעכ אונ מאכנ א וועג אפנ יאמ פאר אנדערע שיפנ.

דער שטארקסטער אײַז-ברעכער אפ דער וועלט איז דער

סאָוועטישער אײַז-ברעכער „קראסינ".

„קראסינ" איז פונ לענינגראד ארויס, זיכ אינ א לאנגנ וועג געלאָזט — זוכנ דעמ פארפאלענעמ דיריזשאבל. געפירט האָט „קראסינענ" א דערפארענער קאפיטאנ. אָט שטײט ער דאָ. צענדליקער יאָרנ איז ער איבער יאמענ געשוואומענ, די גאנצע וועלט אויסגעוועג, נאָר אינ אזא וועג האָט ער זיכ דאָס ערשטע מאָל געלאָזט.

עס איז מיטגעפאָרנ אפ „קראסינענ" אויכ דער דרייסטער פליִער טשוכ-נאָווסקי.

מע האָט אָנגעלאָדנ אפנ אײַז-ברעכער זײַנ עראָפּלאנ, אימ גוט, גוט צוגעבונדנ ער זאָל ניט אראָפּ-פאלנ בײַס א שטורעמ.

מאלע וואָס עס קענ זיכ טרעפנ אינעמ לאנד פונ אײַז!

אויב „קראסינ" וועט זיכ ניט קענענ דורכשלאָגנ דורכנ אײַז, וועט טשוכנאָווסקי זיכ אופהייבנ אפ זײַנ עראָפּלאנ אונ וועט העלפנ זוכנ דעמ דיריזשאבל.

„קראסין" גייט אלץ ווייטער און ווייטער. דורך יאמען, אָקעאַנען גייט ער אפן ווייטן צאָפן, אהין, ווו עס לעבן ווייסע בערן, ווו ס'איז שטענדיק ווינטער, אייז און פראָסט.

אָט זעען זיך שוין בערג, מיט שניי באדעקטע. ווייסער ווערן די בערגן ארום.

די בערגן זיינען וויסטע – ניטאָ קיין מענטשן.

אָט לויפט דורך א הירש, א טשאטע פויגלען פליִען דורך — נאָר דער מענטש האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן.

עס וואקסט דאָ גאָרניט, כוץ מאָך.





ווײַטער וואקסט שוינ אפילע קיינ מאָכ
ניט.
גרויסע אײַז-בערג קריכנ אָנ איינער
אפנ אנדערנ.

זיי בלישטשענ אזוי, אז
מע קענ אפ זיי ניט קוקנ
— עס טוענ וויי די אויגנ.

וווהינ זאָלסט ניט ווארפֿנ קיינ אויג, אלצ

אײַז,

אײַז

און אײַז...

עס שווימט און צעגייט ניט.

אָט זײַנענ זיי די אײַז-פעלדער,

זיי ה י י ב נ ז י כ אָ נ !

ל י ג נ א פ נ ו ו ע ג

א ײַ ז - פ ע ל ד ע ר

און לאָזנ ניט דורכ „קראסינענ“.

„קראסינ“ האָט זיכ א רוק געטאָנ אפ זיי מיט זײַנ שטאָלענער ברוסט

און האָט **צעבראָכנ.**

האָבנ שטיקער אײַז אָפּגעטראָטנ אינ א זײַט און האָבנ

ד ו ר כ ג ע ל אָ ז ט.

וואָס נעענטער צומ צאָפנדיקנ פּאָליוס, אַלץ האַרטער אונ שטאַרקער ווערט דאָס אײַז.

אַלץ שווערער אונ שווערער ווערט „קראַסינענ" צו רוקנ זיכ פּאָרויס.

ער קענ שוינ ניט בֿרעקלענ די שטיקער אײַז, ער קענ זיכ שוינ מער קיינ וועג ניט מאַכנ.

„קראַסינ" האָט זיכ אָפּגעשטעלט
אונ ווײַטער — ניט פונ אָרט.
ניט אַהער, ניט אַהינ.

וואָס טוט מענ?

פונ אלע אײַז-שפאלטנ זײַנענ יאמ-הינט ארויסגעקראָכנ אונ קוקנ אפ „קראסינענ".

וואָס איז דאָס פאר א באשעפעניש?

ס'איז נאָכ קײנמאָל אזוינס אינ די ערטער ניט געווענ!

די מענטשנ פונ „קראסינענ" האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אפ זײ אונ גענומענ זײ כאפנ.

יענעמ טאָג האָט מענ אפ „קראסינענ" געבראָטנ לעבערלעכ פונ יאמ-הינט.

! לאנג האָבנ שוינ די קראסינצעס אזוי געשמאק ניט געגעסנ

נאָרוואָס אָפּגעגעסן, ערשט זיי זעען —

עס רוקט זיך איבערן אײַז

א ווײַסער בער.

גייט, קוקט אפן אײַז-ברעכער און **שרעקט זיך פאר גאָרניט.**

האָבן די קראַסינצעס ביקסן געכאַפּט און געצומען אינעם בער שיסן.

דער בער איז אומגעפאלן.

האָט מען פון שיף א שטריק אראָפּגעלאָזט, פארטשעפּעט דעם בער

פאר דער לאַפּע און מיטן שיף-קראַן אפן אײַז-ברעכער אופגעהויבן.

מע האָט דעמ בער אפנ דעק ארופגעשלעפט,

ארומגערינגלט

און מע קוקט אפנ טויטנ קערפער.

—„סארא פעטער ער איז!"

איצט וועט פאר די קראסינצעס אפ לאנג פלייש קלעקנ!

וויאזוי ווייטער פירן די זוכעניש?

„קראסינ" קענ ווייטער ניט גיינ, איצט דארפ שוינ טשוכנאָווסקי זיכ לאָזנ פליענ.

האָט מענ אראָפּגעלאָזט דעמ עראָפּלאנ אפנ אייז. טשוכנאָוו-סקי מיט זיינע געהילפנ האָבנ זיכ אפּ זייערע ערטער געזעצט, די מאשינעס אוועקגעלאָזט. דער עראָפּלאנ האָט זיכ צעהודזשעט, א גליטשט געטאָנ זיכ איבערנ אייז אונ א הייב געטאָנ זיכ אינדערלופטנ. ער האָט זיכ גענומענ הייבנ אלצ העכער, העכער אונ העכער.

! פארשוווּנדנ איז דער עראָפּלאנ

פליט טשוכנאָווסקי איבער די אייז-פעלדער און קוקט זיך איין אראָפּ-צו: צי זעט מען ניט קיין מענטשן?

און פּלוצלינג דערזעט ער: **צוויי מענטשן אויף אייז.**

איינער ליגט און דער צווייטער שטייט לעבן אים.

האָט געוואָלט טשוכנאָווסקי זיך אראָפּלאָזן צו זיי — קען ער ניט: **דאָס גאַנצע אייז ארום איז אין גרויסע שפּאַלטן.** אויב ער וועט זיך אראָפּלאָזן, וועט דער אעראָפּלאַן זיך איבערקערן, און אלע וועלן אומקומען — דענסטמאָל וועט מען שוין קיינעם ניט קענען ראַטעווען.

איז טשוכנאָווסקי ארומגעפלויגן, ארומגעפלויגן איבער זיי און האָט „קראַסינען" א ידיעה געשיקט, אז ער האָט צוויי מענטשן דערזען.

„קראַסין" מוז זיך צוײַלן ראַטעווען זיי.

מע האָט באַקומען אַפּ „קראַסינען“ א ראַדיאָ פון טשוכנאָוו־סקין. מע האָט גענומען וואַרטן ביז ער וועט זיך אומקערן. נאָר דאָ האָט זיך **א געדיכטער נעפּל אופגעהויבן.**

מע האָט אַפן אײַז גרויסע שײַטערס אָנגעצונדן, אַז טשוכנאָווסקי זאָל לויטן רויך „קראַסינען“ געפינען.

ס'האָבן אָבער די שײַטערס ניט געהאָלפן. ער האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזן ווײַט פון דעם אײַז־ברעכער.

באַם אַראָפּלאָזן זיך האָט זיך דער אעראָפּלאַן אָן אַן אײַז־בערגל פאַרטשעפּעט. די צוויי פּראָפּעלערס זײַנען אַפּ שטיקלעך צעבראָכן געוואָרן.

האָט געשיקט טשוכנאָווסקי א ראַדיאָ „קראַסינען“:

„פליען קען איך ניט. ראַטעוועט די צוויי מענטשן, וועל־כע איך האָב אַפן אײַז געזען. נאָכדעם וועט איר נאָך אונדז קומען. מיר וועלן אויסהאַלטן ווי ניט איז“.

— מיר װעלן זיך ניט דורכשלאָגן, —

האָבן די קראַסינצעס צו זייער קאַפּיטאַן געזאָגט.

— מיר װעלן אַ פּרוּװ טאָן, —

האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט, —

— מע מוז זיך צו זיי דערקלייבן!

האָט געגומען „קראַסין" װײַטער מיטן אײַז קעמפן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער אײַז־פעלדער געטראָטן און פאַמעלעך זיך פאָרויס גערוקט.

ענדלעך האָבן די קראַסינצעס באַמערקט:

עפּעס אַ שװאַרצס באַװעגט זיך פון דערװײַטנס.

מע האָט זיך גוט צוגעקוקט — **צװיי מענטשן אויפן אײַז:** איינער ליגט און דער אַנדערער שטייט לעבן אים.

האָבן די קראַסינצעס טראָג־בעטלעך גענומען און אויפן אײַז אַראָפּ.

צוגעגאנגען צו די מענטשן. דער, וואָס איז געלעגן, איז אינגאנצן בלוי געווען. ניט געקענט זיך פונעם אָרט רירן, נאָר מיט דעם קאָפּ קוים-קוים געדרייט.

ער האָט זיך פאר פרייד צעוויינט, עסן געבעטן:

— צוויי וואָכן האָבן מיר אין מויל ניט געהאט!

האָבן זיי די קראַסינצעס אף טראָג-בעטלעך אוועקגעלייגט און אפן אייז-ברעכער ארופגעטראָגן, אָנגעהאָדעוועט זיי און שלאָפן געלייגט. איינער איז דערנאָך ליגן געבליבן. ער האָט געהאט זיך א פוס אָפּגעפראָרן. גערופן האָט מען אים מאריאנא.

דער אנדערער, דער כאוועער זיינער — צאפּי האָט ער געהייסן — האָט אָפּגעגעסן, אויסגעשלאָפן זיך און אופגעשטאנען א געזונטער.

צאפי האָט דערציילט, וואָס מיט זיי האָט פאסירט.

„אונדזער דיריזשאבל איז אינ א גרויסנ שטורעמ אריַינ אונ האָט זיכ אָנ א הויכנ איַיז-בארג א זעצ געטאָנ.

נייַנ מענטשנ האָט ארויסגעשליַידערט אפנ איַיז, די איבעריקע זיַינענ אפנ דיריזשאבל געבליבנ, זיי האָט דער ווינט אוועקגעטראָגנ. זיי זיַינענ מיסטאָמע אומגעקומענ.

האָבנ מיר איַנדריַיענ — איכ, מאריאנאָ אונ אונדזער כאַווער מאלמגרענ — באשלאָסנ זיכ לאָזנ צופוס איבערנ איַיז. עפשער וועלנ מיר צו דער ערד דערגייִנ אונ וועלנ באוויַיזנ דאָס אָרט, ווו די איבעריקע צו זוכנ. מיר האָבנ זיכ מיט אלעמענ געזעגנט אונ אוועק. נאָר מאלמגרענ איז ניט בעקויעכ געווענ דעמ שרעקלעכנ איבערגאנג אויסהאלטנ, ער האָט זיכ ביידע פיס אָפגעפראָרנ.

— איכ וועל אלציינס שטארבנ, — האָט ער געזאָגט, — לאָזט מיכ איבער אונ גייט זיכ ווייטער.

מיר האָבנ אימ געמוזט איבערלאָזנ אונ זיַינענ איַנצווייענ אוועק. נאָר איַנגיכנ האָט זיכ אויכ מאריאנאָ אוועקגעלייגט.

מיר זיַינענ אויסגעגאנגענ פונ הונגער אונ קעלט ביז „קראסינ“ איז אָנגעקומענ אונ אונדז געראטעוועט“. ◘



מע האָט געדאַרפֿט ראַטעווען אויך יענע, וועלכע זײַנען ניט אַוועק מיט צאַפּי, מאַריאַנאָ, מאַלמגרען, יענע, וועלכע זײַנען געבליבן זיצן אויף דער אײַז־קריע.

„קראַסין" איז ווײַטער אַוועק אין קאַמף קעגן אײַז.

און אָט האָט מען פֿונעם אײַז־ברעכער דערזען — עס שטייט אין דעם אײַז־מידבר אַ בײַדל, אַרום אים לויפֿן מענטשן און מאַכן מיט די הענט. פֿון גרויס פֿרייד, וואָס „קראַסין" האָט זיי געפֿונען, וויינען זיי און לאַכן.

געווען זײַנען דאָרט פֿינף מענטשן. קימאַט פֿופֿציק טעג האָבן זיי אויף אײַז געלעבט.



לעמ דעמ בײַדל איז אנ איבערגעקערטער און צעבראָכענער עראָ-פלאנ געלעגנ.

ווי קומט אהער אנ עראָפלאנ?

דאָס איז אהער געקומענ דער שוועדישער פליִער לונדבאָרג. געוואָלט זיי אלעמענ פונ טויט ראטעווענ. ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומענ און מיט זיך דעמ שעפ נאָבילע גענומענ, אָפגעפירט אימ אפ דער ערד — געראטעווענ. דערנאָך איז ער דאָס צווייטע מאָל געקומענ און פארטשעפעט זיך אָנ א שטיק אײַז. דער עראָפלאנ האָט זיך איבערגעקערט און צעבראָכנ געוואָרנ. דער פליִער האָט געמוזט אפנ אײַז בלײַבנ.

אינ צענ טעג ארומ איז געקומענ א צווייטער פליִער, ער האָט דעמ כאווער געראטעוועט, און דער צעבראָכענער עראָפלאנ איז אפנ אײַז געבליבנ.

די קראסינצעס האָבנ דעמ עראָפלאנ באקוקט. ער טויג ניט, אינ-גאנצנ צעבראָכנ.

זײַנענ די גראַטעוועטע

אפנ אײַז-שפאלטער אריבער.

דאָרט האָט מענ זײ דער-

וואַרעמט, אָנגעהאָדעוועט

אונ טרוקענע קלײדער אי-

בערגעטאָנ.

געווענ איז צווישנ זײ

אײנער, ווילִיערי האָט מענ

אים גערופנ.

— איצט, — האָט ווילִיערי דערקלערט, — וועל איך זיך שוינ קײנמאָל ניט לאָזנ אײנעם לאַנד פונ אײביקנ ווינטער!

דערפאר האָט דער אנדע-
רער — טשעטשיאָני —
געזאָגט, אז

ער וועט
פאָרן
צום צאָפנדיקן
פאָליוס
גלייך, ווי ער
וועט נאָר געזונט ווערן.

— מע מוז, — האָט ער געזאָגט, — אויספאָרשן דאָס לאנד,
דער מענטש דארף זיך פאר גאָרניט שרעקן.

און די פיס זײַנען בא אים איבערגעבראָכן.

מע האָט אים געגעבן א פאָר קוליעס, ער זאָל קענען ארומגיין.

איצט איז שוין צייט צו דערמאָנען זיך וועגן טשוכנאָווסקען מיט זיינע כאַווײרים. לאַנג האָבן זיי געוואַרט ביז „קראַסין" האָט די איטאַליענער געראַטעוועט.

„קראַסין" האָט אַ קערעווע געטאָן צו דעם אָרט, וווּ טשוכנאָווסקי איז געבליבן זיצן און האָט אים גיך געפֿונען. מע האָט טשוכנאָווסקיס צעבראָכענעם אעראָפּלאַן צו „קראַסינען" צוגעשלעפּט און אַף אים אַרופֿגעלייגט.

די פֿליִער האָבן דערציילט, ווי זיי האָבן אַפֿן אייז געלעבט. **קאַלט איז געווען צו שלאָפֿן.** מע פֿלעגט אָפֿליגן אין אעראָפּלאַן אַ מינוט צען, דערנאָך אַרויסשפּרינגען פֿון אים אַ לאָפֿ טאָן, קעדיי אָנצוּוואַרעמען זיך.

גוט זיך אָנגעמאַטערט !



דאָרט, ווו דער יאַם איז פריַ פון אײַז, ניט ווײַט פונעם ברעג
האָט געוואַרט אַף די געראַטעוועטע אַן איטאַליענישע שיף

„טשיטאַ די מילאַנאָ".

אָט איז זי אַפן בילד — אַ גרויסע און אַ שוואַרצע.

„קראַסין" איז צו דער שיף צוגעגאַנגען, און אַלע געראַטע-
וועטע זײַנען אַף „טשיטאַ די מילאַנאָ" אַריבער.



דער אײַז-בּרעכער האָט זײַן ארבעט אָפּגעטאָן און האָט זיך אהיים געלאָזט שווימען. וואָס ווײַטער ווערט אלץ ווארעמער און ווארעמער. ווידער די זון!

פלוצלינג דערוויסט מען זיך אף „קראסינען", אז עס **טרינקט זיך ערגעץ א שיף** און בעט דורך ראדיאָ הילף. **טויזנט אכט הונדערט מענטשן** געפינען זיך אף דער שיף.

האָט „**קראסין**" ניט לאנג געטראכט, גלײַך פארקערעוועט און איז אוועק צו איר מיטן פולן גאנג. זעען די קראסינצעס: **א גרויסע שיף „מאָנטע סערוואנטעס"** האָט זיך שטארק אָנגעבויגט אף א זײַט און אָט-אָט קערט זי זיך איבער. די מענטשן אף דער שיף שרעקן זיך און וויינען.

האָבן זיך גענומען די קראסינצ[illegible] צו דער שיף — מע האָט זי פאַריכט, דאָס וואסער פון איר אויסגעפּאָמפּעט, די לעכער פארלאטעט...

גיך פאריכט. **אלע מענטשן געראטעוועט.**

ענטראלע יידישע ביבליא
אין פרעסע ארכיוו



האָט זיכ „קראסינ״ אומגעקערט_צו זיכ אינ לענינגראד.

מע האָט אימ אינדערהיימ, ווי א העלד,
מיט מוזיק באגעגנט

אפ גאָר דער וועלט

! איז באַרימט געוואָרנ „קראסינ„ !